פרשת ויקרא ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון צח

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש



חודש ניסן א

זכר ליציאת מצרים ה

עבודה במחשבה ז


## חודש ניסן

## מה העבודה הזאת לכם;

די העפטיגע הכנות צום יום פסח אַרבעט צוזאַמען מיט אהבת ה'

יום ה' ויקרא תשפ"ג

א

## הנם ימים המבורכים; די אהבה פון חודש ניסן רייניגט אויס דאָס חמץ פון אידישע הערצער

### לעכטיגע טעג פון אהבת ה'

אין די הייליגע טעג פון חודש ניסן, זענען דאָ **צוויי גרויסע ענינים**, וואָס פון אינדרויסן קוקט אויס ווי די צוויי זאַכן האָבן נישט קיין שייכות.

דאָס ערשטע ענין: **אַלע ימי ניסן זענען ליכטיגע טעג פון אהבה.** ראש חודש ניסן איז געווען 'הוקם המשכן', ס'איז געשען אַ מורא'דיגע זאַך צו דער וועלטעלע. **אין די טעג איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט אַ השראת השכינה.** דער עולם הזה איז געוואָרן אַ רוחניות'דיגע פּלאַץ! ביז דעמאָלט איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזאַ השראת השכינה בקביעות אויף דער וועלט. דערפאַר איז טאַקע אַזוי גרויס דער טאָג פון ראש חודש ניסן, און אַזוי אויך די נאָכפאָלגענדע 12 טעג, ווען די נשיאים האָבן געברענגט זייערע קרבנות און **מ'האָט דעמאָלט מחדש געווען דעם ענין פון מקריב זיין קרבנות** אין משכן.

די טעג פון חודש ניסן זענען זייער אהבה'דיגע טעג, **ליכטיגע יום טוב'דיגע טעג.** אַזוי ווערט גע'פּסק'נט אין **שלחן ערוך** אַז מ'זאָגט נישט קיין תחנון אין די טעג ווייל ס'איז ממש אַ באַזונדערע יום טוב. אין די אַלע טעג איז **נתחדש געוואָרן אויף דער וועלט די גרויסע אהבה צווישן דעם רבוש"ע מיט אידישע קינדער.** ווייל אין דעם משכן ברענגט דער רבוש"ע אַרויס זיין נאָענטקייט מיט אידן, מיט די כרובים און מיט די אַלע עבודות.

אַזוי אויך איז אין חודש ניסן נתגלה געוואָרן **די געוואַלדיגע אהבה פון דעם רבוש"ע צו אידן,**

### ◄ אותיות מחכימות ►

ספה"ק שפת אמת פרשת צו תרמ"א

בַּמִּדְרָשׁ: שִׂנְאָה תְּעוֹרֵר מְדָנִים וְעַל כָּל פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה אַהֲבָה כו'. הָעִנְיָן הוּא דְּיֵשׁ בִּכְלַל יִשְׂרָאֵל אַהֲבָה לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם וּכְמוֹ כֵן נִמְצָא בְּכָל פְּרָט נְקֻדָּה אַחַת שע"ז נֶאֱמַר מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת כו'... ומה"ט שֶׁאֵין הַחֵטְא שֶׁל בנ"י בְּעֶצֶם וּבִפְנִימִיּוּת רַק שֶׁנִּתְלַכְלְכוּ וִיכוֹלִין לְהִתְקַנֵּחַ כְּמַאֲמָר אֶל הַמַּחֲשָׁבָה זָרָה כְּעִנְיַן בַּטֵּל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ. מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ דַּיְקָא. מֵרֹב אַהֲבָה וּדְבֵקוּת וְכִלּוּת הַנֶּפֶשׁ לַעֲשׂוֹת רְצוֹן השי"ת עַד שֶׁכָּל הָרְצוֹנוֹת יִתְבַּטְּלוּ כְּהִמֵּס דּוֹנַג מִפְּנֵי אֵשׁ. וּבְוַדַּאי בְּיָמִים אֵלּוּ קֹדֶם פֶּסַח מִתְחַדֵּשׁ אַהֲבָה וְרָצוֹן בִּלְבּוֹת בנ"י שֶׁהֵם הַיָּמִים שֶׁבָּחַר בָּנוּ השי"ת וְעָשׂוּ בנ"י מִצְוָה הָרִאשׁוֹנָה בְּשִׂמְחָה. לָכֵן עֲדַיִן בַּיָּמִים הַלָּלוּ מִתְעוֹרֵר אַהֲבַת בנ"י להשי"ת לָכֵן בְּכֹחַ זֶה יְכוֹלִין לְהַשְׁבִּית וּלְבַטֵּל הֶחָמֵץ.

ספה"ק שפת אמת פרשת צו תרמ"ד

בַּמִּדְרָשׁ עַל כָּל פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה אַהֲבָה דִּכְתִיב אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד כו' לֹא תִכְבֶּה. דִּכְתִיב מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת. פּי' שֶׁיֵּשׁ בְּכָל לֵב אִישׁ יִשְׂרָאֵל נְקֻדָּה טְמוּנָה בְּהִתְלַהֲבוּת לַה' שֶׁלֹּא יוּכַל לִהְיוֹת נִכְבֶּה. וַהֲגַם כִּי לֹא תִכְבֶּה הוּא לָאו. אֲבָל הוּא הַבְטָחָה ג"כ. וּכְמוֹ שֶׁכָּתְבוּ חֲזַ"ל אעפ"י שֶׁאֵשׁ יוֹרֵד מִשָּׁמַיִם מִצְוָה לְהָבִיא כו'. כְּמוֹ כֵן בְּנֶפֶשׁ הָאָדָם שֶׁצָּרִיךְ לִהְיוֹת תְּשׁוּקַת רִשְׁפֵּי אֵשׁ בְּלֵב בּוֹעֵר לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא ית' וּלְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם זֶה הַהִתְלַהֲבוּת, כמ"ש וּבִעֵר עָלֶי' הַכֹּהֵן. כָּל עוֹבֵד ה' נִקְרָא כֹּהֵן. וְהִתְעוֹרְרוּת אַהֲבָה הַנַּ"ל בִּלְבּוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הוּא הָעֲבוֹדָה שֶׁבַּלֵּב זוֹ תְּפִלָּה שֶׁבִּמְקוֹם קָרְבָּן. וּכְשֶׁיֵּשׁ זֹאת הַהִתְלַהֲבוּת. כָּל מַחְשָׁבָה זָרָה הָעוֹלָה עַל הַלֵּב נִשְׂרֶפֶת. כמ"ש בזוה"ק מַחְשָׁבָה רָעָה הָעוֹלָה עַל מוֹקְדָה כו'. כִּי זֹאת הָיְתָה עִקַּר הַכַּוָּנָה בְּכָל הַמַּחֲשָׁבוֹת הָעוֹלוֹת עַל הַלֵּב שֶׁיִּהְיוּ מִתְבַּטְּלִים בַּעֲלוֹתָן עַל לֵב עוֹבֵד ה' ועי"ז מִתְעַלִּין וּמִתְבָּרְרִין כָּל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת.

וז"ש כָּל הַלַּיְלָה עַד הַבֹּקֶר. וְלִכְאוֹרָה עַד הַבֹּקֶר מְיֻתָּר כֵּיוָן דִּכְתִיב כָּל הַלַּיְלָה. רַק לִרְמֹז שֶׁמִּזֶּה הַתַּעֲרוּבוֹת וְהַחֹשֶׁךְ שֶׁל מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת הַמְעָרְבִין לֵב הָעוֹבֵד ה'. מִזֶּה נַעֲשָׂה לְבַסּוֹף בֹּקֶר. כִּי כֵן הַסֵּדֶר וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר שֶׁמִּתְבָּרֵר הַתַּעֲרֹבֶת טוֹב וָרָע. וּכְמוֹ יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה הֵם הֲכָנָה לְשַׁבָּת. וִימֵי עוה"ז הֲכָנָה לִימֵי עוה"ב. כֵּן ע"י מִלְחָמָה הַנַּ"ל בְּלֵב עוֹבֵד ה' כָּל הַלַּיְלָה עַד הַבֹּקֶר. וּכְמוֹ כֵן בִּימֵי הַגָּלוּת שֶׁנִּקְרָא לַיְלָה בְּוַדַּאי יָבוֹא מִזֶּה הַבֹּקֶר. וְזֶהוּ עִנְיַן בִּעוּר חָמֵץ דִּכְתִיב תַּשְׁבִּיתוּ שְׂאֹר פרש"י תְּבַטְּלוּ. וּבֶאֱמֶת אָמְרוּ אֵין בִּעוּר חָמֵץ אֶלָּא שְׂרֵפָה כמ"ש הַתּוֹס' שָׁם עַל רַשִׁ"י. אָכֵן הָרֶמֶז כִּי זֶה הַבִּטּוּל בְּלֵב מֵרֹב הִתְלַהֲבוּת הָרָצוֹן להשי"ת נִשְׂרָף וּמִתְבַּטֵּל וְעָרַךְ עָלֶיהָ הָעוֹלָה כו'. ועי"ז וְהִקְטִיר כו' חֶלְבֵי הַשְּׁלָמִים הוּא הַעֲלָאַת וְתִקּוּן מַחֲשָׁבוֹת הָרָעוֹת שֶׁהוּא עִנְיַן שְׁלָמִים שֶׁמִּתְקָרֵב הַכֹּל לְהַקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל.


פטרון סדר ויקרא

נתנדב ע"י הרוצה בעילום שם
לעילוי נשמת הרה"ק ר' **ישעי'** בן הרה"ק ר' **משה** זי"ע

**ביי יציאת מצרים.** דער אויבערשטער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים, לקחת לו גוי מקרב גוי. ער האָט אונז אויסגעקליבן, אויסגעוואַשן, און אַזוי נאָנט געבערענגט צו אים מיט אַ נאָנטקייט און ליבשאַפט.

### טעג פון אויסרוימען דעם חמץ

אויסערדעם איז דאָ נאָך אַ צווייטער ענין אין די טעג פון חודש ניסן, אַז **אידישע קינדער זענען זייער פאַרנומען צו אויסרייניגן דעם חמץ** און מקיים זיין דעם 'תשביתו' פון די שטיבער. לכאורה קוקט דאָס אויס ווי גאַנץ אַן אַנדערע זאַך. ס'איז פשוט אַ מציאות'דיגע חלק, אַז מ'דאַרף זיך צוגרייטן צום יום טוב, און היות אַז די הלכה איז אַז יום טוב פסח טאָר מען נישט האָבן קיין חמץ, דעריבער דאַרף מען עוסק זיין צו מבער דעם חמץ, אָבער ס'האָט נישט קיין שייכות מיט דעם ערשטן חלק פון אהבה.

### דורך אהבה ווערט דער חמץ פאַרברענט

דער ספה"ק **שפת אמת** (פרשת צו תרמ"א - תרמ"ד) איז אָבער מסביר אַז **ס'איז דאָ אַ געוואַלדיגע קשר צווישן די צוויי חלקים:** אידישע קינדער באַקומען דעם כח צו אויסרייניגן דעם חמץ, נאָר נאָכדעם ווען ס'קומט אַרויס 'מכח אל הפועל' די אהבה וואָס דער רבוש"ע האָט צו אידן, און די אהבה וואָס אידן האָבן צום רבוש"ע. **ווען ס'ווערט נתגלה דער 'אני לדודי ודודי לי' גיט דאָס דעם כח אַז מ'זאָל קענען ריכטיג אויסמעקן דעם חמץ.**

די אַפּעטיטש פון חמץ באַדייט אויך די **אַלע שווערקייטן ברוחניות וואָס אַ מענטש גייט דורך.** יצר הרע'לעך; תאוות; זאַכן וואָס ער איז נישט מצליח צו טועשן אין זיין לעבן; משיכות וואָס ציעט אים צו די פאַרקערטע ריכטונג. **דאָס אַלעס איז די עבודה פון אויסרוימען דעם חמץ.**

וואָס גיט דעם כח פאַר'ן מענטש אַז ער זאָל יאָ קענען?! ווען ער שטייט אויף אינדערפרי און וויל פטור ווערן פון דעם חמץ מיינט דאָס נישט אַז ער גייט טאַקע מצליח זיין, ווייל די חמץ ליגט ביי אים זייער טיף אין האַרץ. **ער פרובירט זיך צו טועשן, אָבער למעשה ציעט אים ווייטער.** אויב האָט ער ביז היינט ליב געהאַט כבוד, וויל ער ווייטער האָבן כבוד, א.א.וו. אפילו ער פרובירט מיט אַ שטאַרקע החלטה, אָבער דער גוף שלעפּט אים צוריק. וואָס גיט פאַר'ן מענטש דער כח אַז ער זאָל טאַקע מצליח זיין צו מנצח זיין דעם רע? **דאָס איז בלויז די כח פון אהבה!** ווען די אהבה צום רבוש"ע הייבט אָן צו ברענען, דעמאָלט ווערן אַלע חמץ פאַרברענט!

ווען ס'ווערט נתגלה דער 'אני לדודי ודודי לי' גיט דאָס דעם כח אַז מ'זאָל קענען ריכטיג אויסמעקן דעם חמץ

### דאָס פייער פון מזבח איז מבטל שלעכטע מחשבות

דער שפת אמת בויעט זיינע ווערטער אויף דעם **זוהר הק'** (פרשת צו) וואָס זאָגט אויף די פרשה פון (ויקרא ו, ב): **זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה הוּא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ.** אַז דאָס גייט אַרויף, אויף די מחשבות רעות וואָס אַ מענטש האָט. **'עולה' מיינט מחשבות וואָס זענען עולה און גייען אַרויף אין מח.** דאָס רעכנט אַריין אַלע סאָרט מחשבות וואָס טויגן נישט, אפילו תאוות הממון, און אַלע אַנדערע נישט גוטע מחשבות און רצונות. **וועלכע כח קען פאַרברענען די אַלע עולות - די אַלע מחשבות רעות?!** זאָגט דער פסוק: עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ - **דאָס פייער פון דעם מזבח.** דאָס פאַרברענט די נישט גוטע סאָרט מחשבות!

דער זוהר הק' שטימט טאַקע אויך מיט די נגלה'דיגע הלכה, כידוע אַז **דער קרבן עולה קומט מכפר זיין אויף הרהורי הלב.** ווען אַ איד ברענגט אַ בהמה פאַר אַ קרבן עולה און ער לייגט דעם קרבן אויפ'ן פייער וואָס פאַרברענט עס גענצליך, כלול לאישים, איז דאָס מכפר אויף הרהורי עבירה.

### ס'איז אַלעמאָל דאָ אַ מזבח

נאָך דער זוהר הק' איז נאָכמער מוסיף, אַז אין די פסוקים פון דער פרשה איז די תורה מגלה וויאַזוי זאַכן אַרבעטן. זאָלסט וויסן אַז **אפילו ווען דו זעסט נישט דעם משכן בבנינה,** און דו זעסט נישט קיין לעבעדיגע בהמה וואָס ווערט פאַרברענט אויפ'ן פייער, זאָלסטו וויסן אַז **ס'איז אַלעמאָל דאָ די זעלבע בחינה!** אפילו ווען מיר האָבן ליידער נישט קיין משכן, איז נאָך אַלץ אַקטועל די פרשה פון דער תורה, און דערפאַר זאָגט מען דאָס טאַקע יעדן טאָג ביים דאַווענען אינדערפרי.

די פרשה פון 'זאת תורת העולה' לערנט אונז אַז פונקט ווי ס'איז דאָ, מצד די טומאה, נישט גוטע מחשבות מיט הרהורים וועלכע זענען עולה אויף אַ מענטש'נס מח און האַרץ, **אַזוי איז אַלעמאָל דאָ מצד הקדושה אַ מזבח** וואו מ'קען פאַרברענען די אַלע מחשבות!

### מ'דאַרף צולייגן אייגענע פייער צום מזבח

די מזבח איז דאָס האַרץ פון אַ איד, און **ווען דער מענטש לייגט אַרויף 'שני גזרי עצים' אויף דער מזבח;** ער לייגט צו פייער צום מזבח, צום ביישפּיל דורך לערנען תורה בהתמדה אָדער דורך דאַווענען מיט התלהבות, פאַרברענט ער דורכדעם די הרהורים און די מחשבות.

דאָס זאָגט אונז דאָ דער רבוש"ע אין דער פרשה פון עולה: איך ווייס אַז ס'איז דאָ טומאה, קליפּה און נסיונות אויף דער וועלט, **אָבער איך האָב באַשאַפן אַ מזבח!** און טראָצדעם וואָס ס'קומט אַראָפּ אַ פייער פון הימל אויפ'ן מזבח, איז אָבער 'מצוה להביא אש מן ההדיוט'. **ס'איז דאָ אַ מצוה אַז דו זאָלסט צולייגן פייער פון דיין זייט.** פאַרפלאַם דיין האַרץ! טראַכט מחשבות פון אהבה צום רבוש"ע! לערן תורה אויף אַן אופן וואָס ס'זאָל זיך אָנוואַרעמען דאָס האַרץ צום רבוש"ע. און מיט דעם כח וועט פאַרברענט ווערן אַלע שלעכטע מחשבות.

### די אהבה פון חודש ניסן ערמעגליכט צו מאַכן די ריכטיגע 'סור מרע'

קומט אויס אַז די תורה הק' לערנט אונז דאָ אַ מורא'דיגע זאַך: **אַז די אהבה וואָס ווערט נתעורר חודש ניסן, דאָס איז דער כח אַז מ'זאָל קענען מאַכן אַ ריכטיגע סור מרע!** חודש ניסן האָט אַ ספּעציעלן כח צו פאַרברענען דעם רע דורך די געוואַלדיגע אהבה. וויפיל מער דער מענטש קאָכט זיך אַריין אין די פרשיות פון הקרבת הנשיאים, וואָס איז מגלה די השראת השכינה און די אהבת ה', **אַזוויפיל מער וועט ער האָבן דעם כח אַז ס'זאָל אים נישט אינטערעסירן אַלע זאַכן וואָס טויגן נישט,** און אַזוי קען ער אָנקומען צום יום טוב פסח מיט אַ ריינקייט, ווייל מ'דאַרף האָבן אַ ריכטיגע 'סור מרע' אָנצוקומען צום פסח, און 'סור מרע' קען מען נאר האָבן דורך מעורר זיין די אהבה.



## כהמס דונג מפני אש; דאָס פייער פון אהבת ה' פאַרלענדעט די נישט גוטע רצונות

### מ'קען נאָר אָנקומען צו 'סור מרע' דורך 'עשה טוב'

ס'איז באַקאַנט וואָס צדיקים האָבן געזאָגט אַז: **דער וועג אָנצוקומען צו 'סור מרע' איז דורך 'עשה טוב'.** דאָס איז ממש די זעלבע אויבנדערמאַנטע נקודה, אַז דורכדעם וואָס מען איז מעורר דאָס פייער פון אהבת ה', קען מען בעזה"ה פטור ווערן פון אַלע נישט גוטע זאַכן.

באמת פאַרשטייט יעדער איד, אַז ס'דאַרף זיין

קודם 'סור מרע' און נאָכדעם 'עשה טוב'. כדי צו שפירן אַ טעם אין שבת דאַרף מען צוערשט תשובה טון, ווייל **אויב ס'איז דאָ אַ גוטע 'סור מרע' קען מען נאָכדעם האָבן אַ גוטע 'עשה טוב'**. ווען אַ מענטש וויל האָבן אַ הייליגע תורה, דאַרף ער תשובה טון פאַר'ן לערנען. טאָמער נישט, וועט די תורה נישט נקלט ווערן ביי אים. דאָס איז אַלעמאָל דער כלל. ערשט דאַרף זיין 'סור מרע', און **הערשט נאָכדעם וואָס דו ביסט געריינגיגט און הייליג, קען דיין נשמה אַריינעמען אין זיך די קדושה** פון דברי תורה ומצוות.

דאָס איז אַלזאָ זיכער אַז 'סור מרע' גייט פאַר 'עשה טוב'. **די שאלה איז נאָר: וויאַזוי מאַכט מען 'סור מרע'?!** האָבן צדיקים אַסאַך גערעדט פון דער נקודה, אַז ס'איז נישט געוואונטשן צו גיין פאַטשקען אין דער בלאָטע כדי תשובה צו טון. ווי ס'שטייט אין ספה"ק **דברי יחזקאל** (פרשת ויחי) אַז דערפאַר האָט יעקב אבינו געלייגט זיין רעכטע האַנט אויף אפרים, כדי צו ווייזן אַז קודם זאָל מען טון די עבודה פון אפרים וואָס איז מרמז אויף 'עשה טוב', ווייל **ס'איז זייער שווער צו טון קודם די עבודה פון 'סור מרע'**. אויב דער מענטש וועט סתם אַזוי אָנהויבן רייבן מיט זייך, איז דאָס יענע פרשה... ס'גייט נישט אַזוי פשוט.

דעריבער איז דאָ אַן אַנדערע סאָרט 'עשה טוב'. דאָס איז **אַן 'עשה טוב' וואָס מען נוצט, כדי צו קענען מאַכן אַ 'סור מרע'!**

## ווען מ'דאַווענט כדי צו פטור ווערן פון דעם רע

דער שפת אמת גיט אונז דאָ אַ ביישפיל פון אַזאַ סאָרט 'עשה טוב'. דער מענטש וויל תשובה טון און פטור ווערן פון זיין שלעכטס, **צוליב דעם איז ער יעצט עוסק אין הקמת המשכן**. ער איז עוסק אין גאָר אַ וואַרימע דאַווענען!

איי, וויאַזוי קענסטו דאַווענען ווען דו האסט נאָכנישט געמאַכט קיין 'סור מרע'?! ענטפערט דער מענטש: **דאָס איז גענוי וואָס איך טו יעצט!** איך מאַך יעצט 'סור מרע' דורך דעם וואַרעמען דאַווענען. **דאָס נעמט אַראָפּ מיינע פראָבלעמען און וואַשט אויס מיין נשמה!** תפלה איז במקום קרבן, און תפלה ברענגט התלהבות, וואָס התלהבות מעקט אויס דאָס שלעכטס.

## דער 'עשה טוב' פון שב"ק העלפט אַז מ'זאָל קענען מאַכן 'סור מרע'

מ'קען דאָס אַביסל צושטעלן צו דעם יסוד וואָס שטייט אין **ספרים** אויפ'ן מאמר חז"ל (שבת קיח, ב) "אלמלי שמרו בני ישראל שתי שבתות מיד נגאלין". **פאַרוואָס דאַרף מען האָבן צוויי שבתים?!** ווייל באמת וואָלט טאַקע גענוג געווען איין שבת, אָבער כדי צו האָבן אַ ריכטיגן הייליגן שבת, מוז דאָס קומען מיט אַן הכנה פון די ששת ימי המעשה בעפאַר דעם שבת, און גלייכצייטיג קען מען נישט האָבן קיין דערהויבענע ששת ימי המעשה אָן קיין שבת בעפאַר.

דעריבער מוז טעכניש זיין 'שני שבתות'. **מען הייבט אָן מיט דעם 'עשה טוב' פון אַ שבת**, אָבער דאָס איז נאָכנישט די ריכטיגע זאַך, ווייל דעם ערשטן שבת איז נאָך געווען מיט אַלע פעקלעך

# ס'איז דאָ אַ מצוה אַז דו זאָלסט צולייגן פייער פון דיין זייט

פון דעם פאַריגן וואָך, **אָבער אויף אַזויפיל איז גוט דער ערשטער שבת, אַז עס גיט דעם כח פאַר די קומענדיגע ששת ימי המעשה**, אַז מ'זאָל דעמאָלט קענען ריכטיג עוסק זיין אין 'סור מרע', און דערנאָך ווען ס'קומט דער צווייטער שבת, ברענגט דאָס טאַקע די גאולה פאַר'ן מענטש - **מיד נגאלין!**

## טעג פון התחדשות האהבה

דער שפת אמת שמועסט אויס, אַז די ימי ניסן זענען אהבה'דיגע טעג: "**בימים אלו קודם פסח, מתחדש אהבה ורצון בלבות בני ישראל**", ווייל ס'איז אַ זמן ווען ס'ווערט שטאַרק נתעורר די אהבה פון השי"ת צו אידישע קינדער, און די אהבה פון אידישע קינדער צום רבוש"ע. ער זאָגט דערויף צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל **אין די טעג האָט דער רבוש"ע אונז בוחר געווען**. און צווייטנס, ווייל אין דעם חודש **האָבן אידן מקיים געווען זייער ערשטע מצוה מיט אַ שמחה**.

דער צווייטער טעם פון דעם שפת אמת איז לכאורה מיוסד אויף דעם וואָס **חז"ל** זאָגן אויפ'ן פסוק (שמות יב לד וברש"י שם): **וַיִּשָּׂא הָעָם אֶת בְּצֵקוֹ מִשְׁאֲרֹתָם צְרֻרֹת בְּשִׂמְלֹתָם עַל שִׁכְמָם** - אַז אידן האָבן דאָך געהאַט אַזויפיל בהמות, פאַרוואָס האָבן זיי געדאַרפט אַליין שלעפן די טייג אויף די פּלייצעס?! נאָר **'מחבבים היו את המצוות'** - זיי האָבן דאָס געוואָלט אַליין טון, ווייל זיי האָבן מחבב געווען די מצוה!

דער שפת אמת לערנט אַז די ערשטע מצוה וואָס אידן האָבן מקיים געווען דעמאָלט אין מצרים, איז געווען די מצוה פון אכילת מצה, און צוליב דעם וואָס זיי האָבן דאָס מקבל געווען מיט אַזאַ מורא'דיגע שמחה און חביבות, האָט דאָס געברענגט אַז ס'איז געבליבן אויף אַלעמאָל טעג פון אהבה און שמחה, ווי **חז"ל** זאָגן (שבת קל, א): **כל מצוה שקיבלו עליהם בשמחה, עדיין עושין אותה בשמחה.**

## די אהבה איז משבית דעם חמץ

על כל פנים, אין חודש ניסן איז נתגלה געוואָרן **די אהבה פון ביידע זייטן**. דער רבוש"ע האָט געוויזן זיין אהבה ווען ער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים און ער האָט אונז געגעבן אַ משכן. און אידישע קינדער האָבן געוויזן זייער אהבה ביי דער נדבת הלב צום משכן, און מיט זייער שמחה צו קענען מקיים זיין אַ מצוה, עד כדי כך אַז זיי האָבן נישט געוואָלט געבן פאַר זייערע בהמות צו טראָגן די שיירי הבצק, נאָר זיי האָבן דאָס געוואָלט אַליין שלעפן מיט אַ חביבות.

זאָגט דער שפת אמת, אַז אַדאַנק אָט די ביידע אהבות קען מען מקיים זיין מצוות ביעור חמץ: "**לכן בכוח זה יכולין להשבית ולבטל החמץ**" - דאָס גיט דעם גרויסן כח פאַר אַ מענטש אַז ער זאָל קענען מבטל זיין דעם אייגענעם חמץ!

## דורך די שריפת חמץ ווערט דאָס האַרץ געריינגיגט

דער שפת אמת לייגט צו אַ שיינע כאַפּ: אין אָנהויב מסכת פסחים (ד, ב) זאָגט **רש"י** אַז די מצוה דאורייתא פון 'תשביתו' מיינט 'השבתה בלב'. ווען אַ מענטש מאַכט אַ ביטול בלב אויפ'ן חמץ, האָט ער יוצא געווען דעם עשה פון 'תשביתו'. אָבער **תוספות** פרעגט דאָרט אויף רש"י אַז פון דער גמרא זעט אויס אַנדערש, אַז די מצוה פון תשביתו איז דוקא דורך שריפה.

זאָגט דער שפת אמת אַז די כוונה פון רש"י איז צו מרמז זיין, **אַז דורך די שריפה פון חמץ ווערט בטל אַלע חמץ אין האַרץ!** דער מענטש דרייט זיך אַרום מיט אַזויפיל חמץ בלב. זיין האַרץ וויל אַלע סאָרט דברים האסורים. ער גייט שלאָפן און ער האָפט אַז מאָרגן צופרי גייט ער מער נישט ווילן די נישט גוטע זאַכן, אָבער ער שטייט אויף און ער האָט ווייטער די רצונות. **די איינציגע כח דאָס מבטל צו זיין איז דורך 'שריפה'!** רש"י האַלט אויך אַז ס'דאַרף זיין שריפה, רש"י זאָגט נאָר וואָס עס גייט געשען נאָך די שריפה, **עס וועט פאַסירן אַ ביטול בלב!** דאָס איז די תוצאה, עס וועט בטל ווערן אַלע שלעכטע זאַכן פון אַ אידיש האַרץ.

## 'בטל רצונך' דורך מעורר זיין דעם רצון ה'

דער שפת אמת זאָגט דאָ נאָך אַ ליכטיגע דערהער, אַז דאָס איז באמת די פּשטות פון דער משנה (אבות ב, ד): **בטל רצונך מפני רצונו.**

געווענליך לערנט מען פשט, אַז ווען דער מענטש האָט זייער אַ שטאַרקע רצון, אָבער דער רבוש"ע וויל עפּעס אַנדערש, זאָל ער זיך מבטל זיין פאַר'ן רצון ה'. ווי **צדיקים** האָבן געזאָגט: "אויב ס'מאַכט זיך נישט ווי מ'וויל, דאַרף מען וועלן ווי ס'מאַכט זיך". מ'דאַרף זיך בייגן דאָס האַרץ מיט'ן רצון, זיך מכניע צו זיין פאַר'ן רצון ה'.

אָבער דער שפת אמת איז מוסיף צו דעם פשוט'ן פשט: **בטל רצונך - וויאַזוי מאַכט מען טאַקע אַז מ'זאָל קענען מבטל זיין דעם אייגענעם רצון פאַר'ן רצון ה'?! מפני רצונו!** וויפיל שטאַרקער דו וועסט שפירן דעם רצון ה', וועסטו מער מצליח זיין צו מבטל זיין דיינע אייגענע רצונות.

און וויאַזוי מאַכט מען אַז מ'זאָל מרגיש זיין דעם רצון ה'? דאָס פאַסירט **ווען דער מענטש האָט אַ וואַרעמקייט און אַ פייער צו רוחניות!** ווען אַ איד דאַוונט וואַרימערהייט, ער גרייט זיך צו אַ דאַווענען, ער זינגט ניגונים פאַר'ן רבוש"ע, ער האָט כיסופים דקדושה, **דאָס מאַכט אַז דער רצון ה' וואָס ליגט אינערליך אין זיין נשמה הייבט אָן צו לייכטן** און ס'איז מבטל אַלע אַנדערע רצונות - 'כהמס דונג מפני אש', פונקט ווי וואַקס וואָס ווערט צעלאָזט אין פייער. **וואַקס קען זיין שטאַרק און גדיכט, אָבער ווען מ'לייגט עס אַריין אין אַ ריזיגע פייער, ווערט עס אינגאַנצן צעלאָזט.** דאָס זעלבע איז ביים מענטש: ווילאַנג דו האסט נישט

# וויאַזוי בויעט מען אַ משכן? מיט התלהבות פון אהבה צום רבוש"ע

קיין אינערליכע פייער, זענען די אַלע רצונות זייער שטאַרק, אָבער אויב דו קאָכסט זיך מיט'ן רצון ה', וועלן אַלע רצונות בטל ווערן פון זיך אַליין!

### די אהבה ליגט שוין ביי דיר

אויב אַזוי, וועט אַ מענטש פרעגן, וויאַזוי מאַך איך טאַקע אַז דער רצון ה' זאל קאָכן אין מיר?! שמועסט דער שפת אמת אויס, אין אָנהויב פון דעם שטיקל, **נעם אין חשבון אַז אַט דער רצון ה' ליגט שוין אין דיין נשמה! דו האָסט עס שוין!** יעדער איד איז געבוירן געוואָרן מיט אַ פייערדיגע רצון צו טון דעם רצון פון דעם רבוש"ע. דו האָסט אינערליך אַזאַ רצון צו וועלן טון דעם רצון ה'.

דער שפת אמת זאָגט אַז דער פסוק 'אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה', איז טאַקע אַ לא תעשה, אָבער ס'איז אויך אַ 'הבטחה' אַז דאָס פייער וואָס ליגט אין אַ אידישע הארץ וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן; - **"שיש בכל לב איש ישראל נקודה טמונה בהתלהבות לה' שלא יוכל להיות נכבה, והגם כי לא תכבה הוא לאו, אבל הוא הבטחה גם כן".**

### גאָרנישט קען פאַרלעשן די אינערליכע נקודה פון אהבה

אויף אַן אַנדערע פלאַץ ברענגט דער שפת אמת פון זיין זיידע, דער **חידושי הרי"ם** זי"ע, אַז דאָס איז די כוונה פון די ברכה ביי שמו"ע 'מגן אברהם'. לכאורה, וואָס איז דער גרויסער שבח אַז דער רבוש"ע באַשיצט אברהם, און פאַרוואָס דאַרפן מיר דאָס זאָגן דריי מאָל יעדן טאָג?!

נאר, האָט דער חידושי הרי"ם געזאָגט, אַז **ס'איז דאָ אַ פינטעלע פון אברהם אבינו וואָס דער אויבערשטער האָט איינגעפלאַנצט אין דאָס האַרץ פון יעדן איד.** יעדער איד האָט אַ תשוקה צו טון דעם רצון ה', ווייל ס'ליגט ביי אים אינעווייניג אַ נקודה פון אברהם אבינו, און דער רבוש"ע איז 'מגן אברהם' - **ער איז מגין און באַשיצט אָט דאָס פינטעלע אַז ס'זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן.**

מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה! אפילו די מים רבים פון תאוות און שלעכטע רצונות **קענען דאָס נישט אויסלעשן.** צומאָל ווערט אַ מענטש חלילה נכשל מיט אומבאַטעמ'טע זאַכן. ער איז ליידער געוואָרן אין כעס, ער האָט ליידער פוגם געווען, **אָבער דער רבוש"ע שטייט און באַשיצט די אינערליכע תשוקה פון זיין נשמה**, וואָס בלייבט דאָרט אַלעמאָל!

### אַ איד קען אויפוועקן זיין אינערליכע פייער

דיין רצון צום אויבערשטן איז דאָ, דו דאַרפסט נאר צולייגן אַביסל פייער. **פונקט ווי ביי דעם מזבח האָט מען געדאַרפט ברענגען 'שני גזרי עצים'.** לערן אַביסל ברציפות, שלאָף נישט איין ביי דער גמרא... שטעל זיך אויף פון פלאַץ און הייב זיך אַן שאָקלען... זאָג אַרויס די ווערטער פון תורה מיט דיין מויל, חיים הם למוצאיהם בפה... לערן געשמאַק, נאָך אַביסל און נאָך אַביסל...

ווען אַ איד וועט לערנען אויף אַזאַ אופן, וועט אים די תורה נישט בלויז ברענגען עפּעס פון 'אינדרויסן', נאר די תורה וועט אויסוואַשן זיין נשמה וואָס וועט **אָנהויבן פלאַקערן פון אירע אינערליכע תשוקות צום אויבערשטן.** און אַז די נשמה וועט האָבן אַ פייער **וועט דאָס שוין ממילא פאַרברענען אַלע נישט גוטע רצונות.** אַ מחי'! דער מענטש דאַרף שוין נישט אַרבעטן אויף זיך צו מבטל זיין די שלעכטע רצונות. ס'איז אויטאָמאַטיש בטל געוואָרן!

### מ'קען אָפּלאָזן אַ פרייערדיגע רצון

מ'קען דאָס צומאָל זען אפילו ביי גשמיות'דיגע זאַכן אַז מענטשן שטייען אויף, אין אַ שיינעם טאָג, און זיי זענען מבטל זייער רצון וואָס זיי האָבן געהאַט צו אַ געוויסע זאַך: **"ווייסטו וואָס, כ'דאַרף עס נישט"**. אָבער נעכטן ביסטו געווען אַזוי פאַרנומען דערמיט?! - **"ריכטיג, אָבער כ'האָב זיך איבערגעטראַכט, איך וויל שוין נישט..."**

דאָס קען זיך מאַכן ביי אַ שידוך, אפילו אויב מ'האָט נישט געהערט קיין שלעכטע וואָרט פון קיינעם, אָבער עפּעס האָט זיך אָפּגעקילט. דאָס קען זיך מאַכן ביי אַ פרנסה שטעלע וואָס מ'איז שטאַרק נאָכגעלאָפן ווייל מ'האָט זיך איינגערעדט אַז ס'גייט עפּעס העלפן, אָבער פּלוצים דאַרף מען עס מער נישט.

### מיט אַביסל פייער וועט דאָס שלעכטס נעלם ווערן

אָט די זעלבע זאַך קען פאַסירן מיט'ן מענטש לגבי דעם 'בטל רצונך מפני רצונו': ווען זיין רצון וועט ווערן פאַרקאָכט פאַר'ן רבוש"ע, **איז דאָ אַן הבטחה אַז אַלע אַנדערע רצונות וועט בטל ווערן פאַר'ן רצון ה'**, ווייל דער אויבערשטער איז דער 'מגן אברהם'!

אַ איד דאַרף נאר צולייגן **אַביסל אייגענע פייער דערצו.** אַביסל תורה, אַביסל תפלה, אַביסל שבת קודש וואָס האָט דעם כח צו משפיע זיין פאַר אַלע ששת ימי המעשה, אַביסל שירות ותשבחות, און **דאָס וועט אָנוואַרעמען זיין האַרץ און מבטל זיין אַלע אַנדערע רצונות.** דורך אַביסל פייער קען מען פטור ווערן פון פעק און זעק אין רוחניות'דיגע עגמת נפש, ס'איז אַלעס נעלם געוואָרן, כהמס דונג מפני אש.

ג

## אם תעירו ואם תעוררו את האהבה; די אהבה פון די ימי ניסן בויעט אַ משכן פאַר די נאָכפאָלגענדע פשוט'ע טעג

### חודש ניסן הייבט אָן אַ נייע עפּאָכע פון אהבה

די נקודה וואָס שטייט דאָ אין שפת אמת איז, אַז אין חודש ניסן האָט אונז דער רבוש"ע בוחר געווען מיט יציאת מצרים און מיט דער הקמת המשכן. דאָס האָט מעורר געווען אַ מורא'דיגע אהבה צווישן אונז. **פון היינט און ווייטער איז אונזער שייכות מיט'ן אויבערשטן אַסאַך אַ טיפערע.** נישט בלויז ווייל ער האָט באַשאַפן די וועלט, נאר ווייל ער האָט אונז ליב!

דערפאַר האָט דער רבוש"ע געזאָגט: 'אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים', און ער האָט נישט געזאָגט 'אשר בראתי שמים וארץ'. פונקט אַזוויז צוויי מענטשן וואָס האָבן אַ געוויסע טעכנישע שייכות, אָבער שפּעטער ווען זיי ווערן גוטע ידידים, **רעדט מען שוין נישט וועגן די טעכנישע פרטים**, נאר וועגן די נאָענטע אהבה וואָס איז אַסאַך מער!

### נאָך די אהבה קומט אַ משכן וואָס איז מבטל חטאים

נאָכדעם וואָס דער רבוש"ע האָט אונז בוחר געווען, ביי יציאת מצרים און ביי מתן תורה, האָט ער אונז געזאָגט אין חודש ניסן: **איך וויל בלייבן מיט אייך! כ'וויל מאַכן אַ משכן!** און דער פלאַץ איז נישט אַז ס'זאָל זיין עפּעס אַ התגלות און דערנאָך זאָל זיך עס ענדיגן. ניין, ניין! **איך בלייב דאָ מיט אייך.** אָבער כדי אַז אַזאַ זאַך זאָל קענען פאַסירן, דאַרפט איר ברענגען די נדבת המשכן, כדי אַז ס'זאָל זיין אַן אתערותא דלתתא.

אויב איר וועט אַזוי טון, ווייסט איר וואָס ס'גייט פאַסירן?! ס'וועט געשען אַן אינטערעסאַנטע זאַך, **אַז אויף דער וועלט גייט זיין אַ מציאות פון אַ מזבח** וואָס איז מכפר און מבטל אַלע חטאים. אַזוי וועלן אידישע קינדער קענען בלייבן אַלעמאָל אין אַ מצב פון משכן.

דאָס מציאות איז דאָך, אַז דער וועלט איז פול מיט שלעכטס און מ'קען זיך נישט אַרויסדרייען פון רע. דערפאַר האָט השי"ת אויסגעשטעלט אַ פּלאַן: **דו זיי מעורר די אהבה און קאָך זיך אַריין דעריגען**, דורכדעם וועט באַשאַפן ווערן אַ כח וואָס מעקט אויס חטאים און **דורכדעם קען מען אַלעמאָל בלייבן נאָענט צום רבוש"ע.** אפילו אויב ס'איז דאָ אַ

חטא אָבער אַז ס'איז דאָ אַן אהבה, דעמאָלט קען מען דאָס אויסמעקן! מ'קען חרטה האָבן, מ'קען האָבן התעוררות וואָס זאָל מבטל זיין די חטאים!

### וואָס איז די תכלית פון אַ דערהויבענער יום טוב?!

ווען אַ איד דערהערט דאָס ריכטיג, פאַרשטייט ער אַ מורא'דיגע נקודה וואָס איז שייך יעדן שבת און יום טוב. **ער פאַרשטייט וואָס דער רבוש"ע וויל פון אים, ווען ס'קומט אַ יום טוב.** צומאָל האָט דער מענטש אַ גאַר דערהויבענע פסח, ער האָט זיך ממש געשפּירט אַ טפח העכער דער וועלט. אַ דאַווענען איז געווען אַ דאַווענען, אַ הודאה צום אויבערשטן, ער האָט ממש געלעבט מיט אַזאַ קאָך. אָבער דער מענטש טראַכט: "לאָמיר זיך נישט נאַרן, ס'קומט דאָך שפּעטער די ימות החול, ס'קומט די זומערדיגע טעג, ווען מ'דאַרף אַסאַך רחמי שמים."

דאָס זעלבע בשעת אַ איד האָט אַ דערהויבענע חודש אלול און תשרי. **ער רעדט זיך נישט איין אַז חודש חשון און טבת גייט ער זיין אויף דער זעלבער מדריגה.** אויב אַזוי, וואָס איז די מהלך?! **אַרויפגיין כדי אַראָפּצופאַלן?!** וואָס איז די פּלאַן פון דעם רבוש"ע?! אודאי קען מען זאָגן ביי די נעילת החג דרשה אַז אַגאַנץ ווינטער איז בחינת חול המועד, אָבער איך ווייס דאָך כ'גיי דורכפאַלן?!

### די אהבה פון דעם יום טוב בויעט דעם משכן

דער תירוץ איז: הער גוט! אויב דו גייסט נעמען די אהבה פון די געהויבענע טעג און בויען דערמיט אַ משכן, דעמאָלט קומט אויס אַז דו האסט געבויעט **אַזאַ סאָרט בנין וואָס גיט זיך אָן עצה מיט אַלע חטאים.** נישט חס ושלום אַז מ'קען יעצט זינדיגן, נאָר פּשט איז, אַז דו האסט געמאַכט אַזאַ ברית מיט'ן רבוש"ע, אַז אויב דו וועסט קומען און חרטה האָבן אויף דיינע חטאים, וועט אַלעס אָפּגעמעקט ווערן, **ווייל דו האסט געבויעט אַ משכן.**

ס'איז יעצט דאָ אַ מקום וואו מ'קען ברענגען קרבנות צו מכפּר זיין די חטאים, אַ מקום וואו מ'קען זיך מתוודה זיין, אַ מקום וואו מ'קען זינגען צום רבוש"ע. און **אַז ס'איז דאָ אַזאַ פּלאַץ, דעמאָלט קען מען אַלעמאָל זיין צוזאַמען מיט'ן אויבערשטן.** דער מציאות פון אַ משכן קומט ווען די אהבה איז אויפ'ן העכסטן שטאַפּל, און דאָס באַשאַפט אַ מהלך פון 'סור מרע'.

### אַ לעבן פון תשובה נאָכ'ן מעורר זיין די אהבה

אַזוי לעבן ערליכע אידן! ווייסן זיי דען נישט אַז זיי האָבן חוטא געווען פאַר'ן רבוש"ע?! ערליכע אידן שפּירן נישט ווען זיי זענען ווייט?! זיי שפּירן דאָס גוט, **אָבער זיי ווייסן אויך וויאַזוי תשובה צו טון!** זיי האָבן אַ מהלך דערצו. און זיי זענען עוסק בתשובה אַגאַנצן צייט.

און ווען אַ איד איז עוסק בתשובה קען ער מאָרגן נאָכאַמאָל דאַווענען און לערנען. איי, ער האָט פריער געטון עפּעס וואָס האָט נישט געטויגט?! אמת, אָבער ער איז נישט ווי איינער וואָס שטייט אינדרויסן און ווייסט נישט וויאַזוי אַריינצוגיין. **ער איז אינעווייניג!** ער ווייסט אַז ס'איז דאָ אַ מציאות פון חטא אויף דער וועלט, 'אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא' (ווי ס'איז מבואר אין עקידת יצחק פּרשת תשא), אָבער **ער ווייסט אויך אַז ס'איז דאָ אַ משכן.** ער איז אַ משכן'דיגער סאָרט איד, און די ברית אהבה פון דעם משכן זאָגט פאַר דעם איד: **קום, איך בין דאָ מיט דיר אַגאַנצן צייט!** רעדט צו מיר, זיי זיך מתוודה, לאָמיר גיין ווייטער!

### די צוויי תוצאות פון אהבת ה'

דער שפת אמת לערנט אונז אַז אין חודש ניסן קען יעדער איד בויען אַ משכן. וויאַזוי בויעט מען אַ משכן? **מיט התלהבות פון אהבה צום רבוש"ע;** מיט תפלות פון אהבה; מיט מחשבות פון אהבה; מיט שיר ושבחה צום רבוש"ע. די אַלע זאַכן בויעט אַ משכן אין אַ אידיש האַרץ.

און אָט דער משכן פון אהבה העלפט אויף צוויי אופנים. ערשטנס, פאַרברענט עס די שלעכטע חלקים. ווי מ'האָט דערמאָנט אין אָנהויב אַז די שריפה איז מבטל דעם חמץ. און צווייטנס, שטעלט די אהבה אַוועק אַ מהלך **וויאַזוי מ'זאָל קענען בלייבן נאָנט צו השי"ת אויך ווען מ'איז נישט אין אַ יום טוב.** ווען דער מענטש האָט אַ ברית מיט'ן אויבערשטן ווערט ער נישט אַוועקגעוואָרפן אפילו ווען ס'איז דאָ אַ חטא, ווייל ער פאַרשטייט וויאַזוי צוריקצוקומען, און דאָס זעלבע פאַרשטייט ער אויך וויאַזוי צו בלייבן נאָנט אפילו אין די ימות החול, נאָך אַ יום טוב.

דאָס איז דער גרויסער כח פון חודש ניסן - על כל פשעים תכסה אהבה. די אהבה לאָזט אַ רושם ביים מענטש אַז זיין שייכות מיט'ן רבוש"ע זאָל בלייבן באופן קבוע.

## זכר ליציאת מצרים

### אלא שבכל דור ודור;

די כח פון די נסים, במשנתו פון הרה"ק בעל אוהב ישראל מאַפּטא זי"ע

ליל שישי פרשת תזריע תשפ"ד

א

# זכר עשה לנפלאותיו; די נסים בימים ההם האָבן געעפנט דעם טויער פאַר אַלע קומענדיגע דורות

### די עיקר נס איז ווען מען עפנט דעם טויער דאָס ערשטע מאָל

אין ספה"ק **אוהב ישראל** (יומא דהילולא קדישא - ה' ניסן), איז דאָ אַ הייליגע שטיקל אין פרשת בחוקותי, וואָס איז זייער אַקטועל אַצינד ווען מ'גרייט זיך פאַר אַ יום טוב.

דער הייליגער אַפּטער רב זאָגט אַ יסוד, אַז יעדעס מאָל ווען דער רבוש"ע מאַכט אַ נס שלא על פי דרך הטבע, איז בלויז **דאָס ערשטע מאָל ווען דאָס פּאַסירט, נאָר דעמאָלט הייסט עס באמת אַ 'נס ופלא'.** אָבער דאָס צווייטע מאָל, ווען מ'דאַרף פראַווען דעם זעלבן נס, סיי אויב ס'איז פאַר כלל ישראל, און סיי ווען ס'איז פאַר אַן איש פּרטי, **איז שוין אַסאַך גרינגער צו ברענגען דעם נס,** ווייל דער אויבערשטער האָט שוין געעפנט דעם שער און דעם צינור, און ס'איז שוין דאָ אַ מהלך דערויף.

אפילו פּראַקטיש זעט מען, אַז ווען מ'דאַרף אַמאָל דורכברעכן אַ נייע זאַך, איז עס זייער שווער, אָבער איינמאָל מ'ברעכט עס דורך, איז עס שוין געוואָרן אַ חלק פון דעם סדר. **דאָס זעלבע איז ביי יעדע נס.** די עיקר שידוד מערכות פאַדערט זיך ביים ערשטן מאָל. שפּעטער איז עס שוין אַסאַך לייכטער.

### דער טעם פאַרוואָס מ'מאַכט נאָר אַן עסק פון פקידת שרה און קריעת ים סוף

לויט דעם - זאָגט דער אַפּטער רב - וועסטו פאַרשטיין, וואָס מיר געפינען ביי פקידת עקרות, אַז ווען ס'איז געווען 'וה' פקד את שרה', איז דאָס באמת געווען אַ גרויסע פלא. אָבער נאָכדעם געפינען מיר אַז אַסאַך עקרות זענען נפקד געוואָרן און די תורה הק' רעכנט עס נישט אַזוי שטאַרק אַלס אַ נס. **רבקה אמינו** איז געווען אַן עקרה און איז נפקד געוואָרן דורך די תפלה פון יצחק. **רחל אמינו** איז געווען אַן עקרה און איז נפקד געוואָרן. **חנה אשת אלקנה** איז געווען אַן עקרה און איז נפקד

געוואָרן. פאַרוואָס איז נישטאָ אין דער תורה אַזאַ גרויסע עסק דערפון?!

אַזוי אויך זעט מען ביי קריעת ים סוף, וואָס מיר זאָגן שירה אויף אַזאַ גרויסן נס, אָבער שפּעטער האָט **יהושע בן נון** דורכגעפירט אַלע אידן דורך דעם ירדן וואָס האָט זיך געשפּאָלטן. איינער וואָס לערנט נישט קיין נ"ך, ווייסט ניטאָמאָל דערפון... דאָס זעלבע האָט **רבי פנחס בן יאיר** געשפּאָלטן דעם טייך 'גנאי' (חולין ז, א). און מ'מאַכט נישט דערפון אַזאַ גרויסער עסק ווי קריעת ים סוף.

ווייל ווילאַנג ס'איז נישט געעפנט געוואָרן דער טויער פון אַ ישועה, אַזוי ווי פקידת עקרות, קען מען דאָס נישט גרינג ברענגען, און נישט יעדער מענטש איז זוכה אַז ס'זאָל אים געעפנט ווערן דער טויער. נאָר **אברהם אבינו מיט זיין גרויסע צדקות און אהבה צו השי"ת בלי שיעור וגבול, האָט ער זוכה געווען צו אַזאַ סאָרט נס**, אַז דער אויבערשטער האָט אים געעפנט דעם טויער, ונפקדה אשתו. - און אַצינד, נאָכדעם וואָס אברהם האָט שוין איינמאָל געעפנט דעם שער און דעם צינור, **קען מען שוין גרינגער מעורר זיין דעם זעלבן נס נאָכאַמאָל**, אין די שפּעטערע דורות ווען מען נויטיגט זיך דעריינען, פאַר'ן כלל און אפילו פאַר אַן איש פרטי.

אַזוי אויך ביי קריעת ים סוף, וואָס איז קעגן די טבע. נאָר **משה רבינו מיט די שישים רבוא מישראל האָבן געהאַט דעם זכות און זיי האָבן געקענט ברעכן די טבע**. ווערט דאָס שפּעטער שוין נישט אָנגערופן אַזאַ גרויסע נס, אפילו ווען יהושע האָט דורכגעפירט אידן בתוך הירדן און ווען רבי פנחס בן יאיר האָט געשפּאָלטן דעם טייך.

**אויב ווילסטו עפּעס צולייגן, דאַרפסטו נישט יעצט גיין ברעכן ווענט און אָנהויבן אַלעס פון פריש**

### ווען אַ צדיק פועל'ט אַ ישועה, בלייבט דאָס אויף לדורות

קומט אויס - זאָגט דער אוהב ישראל - אַז ווען דער צדיק דאַווענט צום אויבערשטן אַז זיינע שונאים זאָלן פאַלן און דער אויבערשטער הערט אויס זיין תפלה און ער טוט נקמה אין זיי, דעמאָלט איז נישט בלויז וואָס די פעולה העלפט בשעת מעשה, נאָר די נפילה פון די שונאים ווערט ווי אַ שווערד אויף דורי דורות. **יעדעס מאָל וואָס כלל ישראל, אָדער אַ יחיד, דאַרף האָבן די ישועה, איז גרינגער צו מעורר זיין די ערשטע נפילה**, אַז אין אַלע שפּעטערדיגע דורות זאָלן די שונאים באַקומען אַ נפילה גדולה.

דער אוהב ישראל זאָגט דאָ אַ געוואַלדיגע הוספה, אַז נישט בלויז אין די דורות הראשונים פון אברהם אבינו און יציאת מצרים האָט מען געקענט עפענען נייע שערים פון נסים און ישועות פאַר אידישע קינדער, נאָר **יעדעס מאָל וואָס ס'איז דאָ אַ צרה און דער צדיק פּראָבירט עס אויס, בלייבט דאָס אויף אַלע דורות שפּעטער**. די תפלה פון דעם צדיק ווערט ווי אַ חרב לדורי דורות.

לויט דעם, טייטשט דער אָפּטער רב דעם פסוק (תהלים קמט, ו): 'וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם' - יעדעס מאָל וואָס אַ צדיק פועל'ט אַ ישועה, פועל'ט ער דאָ צוויי פעולות, **איינס פאַר יעצט און דאָס צווייטע פאַר לדורות**. דאָס הייסט אַז דער 'חרב' פאַרמאָגט 'שני פיות' - עס הרג'ט צוויי מאָל. און דאָס איז אויך טייטש (ויקרא כו, ח): וְנָפְלוּ אֹיְבֵיכֶם לִפְנֵיכֶם לֶחָרֶב - ווען אידן ווילן דינען דעם אויבערשטן, וועט זיין 'לחרב', ס'וועט באַשאַפן ווערן אַ שווערד וואָס יעדעס מאָל שפּעטער וועט מען קענען מעורר זיין די ערשטע נפילה, אַזוי ווי אַ 'חרב'. עד כאן דבריו הק'.

ב

## בימים ההם בזמן הזה; די נסים חזר'ן זיך איבער ווען ס'קומט נאָכאַמאָל דער יום טוב

### אַלעס איז שוין אינסטאַלירט, גרייט צום נוצן נאָכאַמאָל...

די הייליגע ווערטער דינט אַלס אַ הבנה למעשה, **צו פאַרשטיין וואָס עס פאַסירט ווען ס'קומט יום טוב**, ווי ס'שטייט אין אַלע ספרים הק' אַז וויבאַלד אין דעם זמן האָט מען שוין מעורר געווען נסים ונפלאות, איז עס אַזוי מסוגל אויך ביז'ן היינטיגן טאָג.

דאָס איז אַזוי ווי אַ מענטש גייט אַריין אין אַ נייע דירה און מען זאָגט אים אַז מען האָט שוין דאָ אַריינגעלייגט אַלע ווייערינגס, פּייפּס, און פאַרטס כדי צו קענען ציען פרישע עלעקטעריק, אָדער אינסטאַלירן צענטראַלע עירקאָנדישן. אויב ווילסטו עפּעס צולייגן, **דאַרפסטו נישט יעצט גיין ברעכן ווענט און אָנהויבן אַלעס פון פריש**, נאָר מ'האָט שוין לכתחלה צוגעגרייט די נויטיגע זאַכן אויף אַן אופן אַז דו זאָלסט אַלעס קענען גרינגערהייט באַהעפטן.

דאָס זעלבע פאַסירט מיט אידישע קינדער ווען ס'קומט אַ יום טוב. **דאָס איז אַ געוואַלדיגע געלעגנהייט זייענדיג אַ זמן ווען די אַלע נסים ונפלאות זענען שוין אַמאָל געשען**, און ווען אַ איד דינט דעם אויבערשטן אין אַזאַ זמן, איז עס אַסאַך גרינגער צו מעורר זיין נאָכאַמאָל די זעלבע חסדים און רחמים.

### דער אַרענדער איז געהאָלפן געוואָרן מיט די אמונה פון פסח ביינאַכט

עס ווערט פאַרציילט אַז דער אָפּטער רב האָט אַמאָל גערעדט וועגן דעם ענין, אַז יעדעס יאָר ווען ס'קומט נאָכאַמאָל דער זמן פון גאולה און יציאת מצרים ווערט דאָס נתעורר נאָכאַמאָל. און ער האָט געזאָגט אַז אויב אַ איד איז זיך מתחזק באמונה שלימה ווען ער זאָגט 'גאל ישראל' פסח ביינאַכט ביים סדר, און ער גלייבט מיט'ן גאַנצן האַרץ אַז דער אויבערשטער וועט אים העלפן, איז ער אים מבטיח אַז דער אויבערשטער וועט העלפן פאַר דעם איד. ער דאַרף מער גאָרנישט טון, נאָר אַריינהאָרעווען אין אמונה ביי דער ברכה פון גאל ישראל!

איז דאָרט געווען אַ פּשוט'ער איד, וואָס האָט געהאַט אַן אַרענדע פון דעם פּריץ, און נאָכ'ן הערן די הייליגע ווערטער, איז ער אהיימגעקומען און געזאָגט פאַר זיין פרוי: "איך גיי שוין נישט טון קיין שום עסק פאַר פסח. דער רבי האָט געזאָגט אַז אויב מ'איז זיך מחזק מיט אמונה ביי 'גאל ישראל' ווערט מען געהאָלפן".

זיין פרוי האָט געשריגן אויף אים אַז ס'איז ערב פסח און מ'דאַרף אַרבעטן כדי צו האָבן אויף הוצאות יום טוב. אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם, אַז ער גייט בלויז אַרבעטן אויף זיין אמונה, און אויב ס'איז נישטאָ קיין געלט קען מען פאַרקויפן אַלעס פון שטוב.

אַזוי האָבן זיי טאַקע געטון און ווען ס'איז געקומען פסח ביינאַכט צו די ברכה פון 'גאל ישראל' האָט דער איד זיך שטאַרק מחזק געווען מיט אמונה אַז דער רבוש"ע גייט אים העלפן. ער האָט דאָס געזינגען, ער האָט דאָס געשריגן, און ער האָט דאָס געזאָגט מיט'ן גאַנצן כח און מיט אַ גאַנצע אמונה.

נאָך פסח איז ווייטער נישט געווען וואָס צו עסן אין שטוב, און די פרוי האָט ווייטער אָנגעהויבן וויינען און זאָגן: "וואָס איז געשען מיט דיר?! איך האָב אפילו נישט וואָס צו פאַרקויפן". ער האָט איר אָבער מחזק געווען אַז דער אויבערשטער וועט זיכער העלפן.

אינצווישן הערן זיי אַז דער פּריץ איז אָנגעקומען אויף אַ באַזוך אין דאָרף. זי איז געוואָרן זייער באַזאָרגט, וויאַזוי גייט מען קענען באַצאָלן פאַר'ן פּריץ די אַרענדע?! אַזוי רעדנדיג קומט אַריין דער פּריץ און ער נעמט דעם פנקס פון די חשבונות, צו זען וויפיל דער אַרענדער איז אים שולדיג.

דאָ האָט אָבער פּאַסירט אַן אינטערעסאַנטע זאַך. דער שטייגער פון דעם פּריץ איז געווען, אַז יעדעס מאָל וואָס ער איז געקומען אויף אַ באַזוך אין דער אַרענדע, פלעגט ער נעמען געוויסע קליינינקייטן, אַזוי ווי תבואה, אייער, וכדומה, און

ער פלעגט פאַרשרייבן אין דעם פנקס וואָס ער האָט גענומען און וויפיל ער דאַרף באַצאָלן פאַר'ן אַרענדער.

אַצינד, ווען דער פריץ האָט גענומען דעם פנקס, האָט ער געזען אַז לויט די חשבונות איז ער שולדיג אַ ריזיגן סכום פאר דעם אַרענדער. האָט דער פריץ געזאָגט פאַר'ן איד: "איך זע אַז איך בין דיר שולדיג גאָר אַסאַך געלט". צוערשט האָט דער אַרענדער געמיינט אַז דער פריץ טרייבט ליצנות, אָבער דער פריץ איז געווען זייער ערנסט, און ער האָט אים געזאָגט: "איך האָב נישט יעצט דאָס געלט צו באַצאָלן. ווייסטו וואָס?! איך געב דיר אַוועק די אַרענדע פאר די קומענדיגע צען יאָר, אַזוי וועסטו באַקומען די רווחים אַנשטאָט מיין חוב"...

דער איד איז ווירקליך נתעשר געוואָרן און איז געוואָרן אַ גרויסער גביר. שפּעטער איז אַמאָל דער הייליגער אַפּטער רב דורכגעפאָרן די געגנט און ווען ער איז איינגעשטאַנען אין דעם איד'ס גרויסע רייכע הויז, און ער האָט זיך געוואונדערט וויאַזוי ער איז אָנגעקומען צו אַזאַ עשירות, האָט דער איד געזאָגט: דער רבי האָט דאָך געהייסן אַז מ'זאָל זיך שטאַרקן מיט אמונה ביי 'גאל ישראל', פון דאָרט איז געקומען מיין עשירות!

די מעשה איז אַביסל מסביר דעם שטיקל אין ספה"ק אוהב ישראל: **ס'איז דאָ אין הימל צוגעגרייט אַ ישועה פאר יעדן איד.** דער מענטש דאַרף נאר אַביסל צוגיין אַ קליינע מהלך כדי דאָס צו באַקומען. ער דאַרף אַביסל אַרויפגיין אַהין, דורך זיין שטאַרקע אמונה אַז דער רבוש"ע גייט מיר זיכער העלפן.

און ווען אַ איד געדענקט אַזאַ לשון פונעם אוהב ישראל, און מ'חזר'ט זיך אַז דער אויבערשטער גייט אים אודאי העלפן, העלפט דאָס אַז מ'באַקומט טאַקע אַלע גוטע השפעות. אמן כן יהי רצון.

## אותיות מחכימות

ספה"ק אוהב ישראל פרשת בחוקותי

וְנָפְלוּ אֹיְבֵיכֶם לִפְנֵיכֶם לֶחָרֶב. תֵּבַת לַחֶרֶב הוּא מְיֻתָּר. דְּמַאי נָפְקָא לָן בָּזֶה שֶׁיִּפְּלוּ ע"י חֶרֶב אוֹ ע"י דָּבָר אַחֵר. וְנִרְאֶה לְפָרֵשׁ דְּשֹׁרֶשׁ הַדָּבָר הוּא, דְּלֹא מִקְרֵי נֵס וּפֶלֶא רַק בְּפַעַם רִאשׁוֹן, כְּשֶׁעוֹשֶׂה הַשֵּׁי"ת אֵיזֶה דְּבַר פֶּלֶא שֶׁלֹּא ע"פ הַטֶּבַע בְּעַצְמוֹ אוֹ ע"י נָבִיא וְצַדִּיק, זֶהוּ הַנִּקְרָא בֶּאֱמֶת נֵס וּפֶלֶא. אֲבָל בְּפַעַם שֵׁנִי אָז יוּכַל לִהְיוֹת זֶה הַדָּבָר בְּנָקֵל לְעֵת שֶׁיִּצְטָרֵךְ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל בִּכְלָל אוֹ לְאֵיזֶה אִישׁ פְּרָטִי. כִּי כְּבָר נִפְתַּח הַשַּׁעַר וְהַמָּקוֹר מֵאוֹתוֹ דָּבָר בַּפַּעַם הָרִאשׁוֹן.

ועפ"ז תָּבִין מַה שֶּׁמָּצִינוּ בִּפְקִידַת עֲקָרוֹת שהתוה"ק כָּתְבָה וַה' פָּקַד אֶת שָׂרָה. וְהוּא בֶּאֱמֶת נֵס וּפֶלֶא גָּדוֹל. וְאַחַ"כ מָצִינוּ שֶׁנִּפְקְדוּ כַּמָּה עֲקָרוֹת וְלֹא חָשְׁבוּ התוה"ק אוֹתָם שׁוּב לְנֵס. כְּמוֹ רִבְקָה אִמֵּנוּ הָיְתָה עֲקָרָה וְנִפְקְדָה ע"י תְּפִלַּת יִצְחָק וְכֵן רָחֵל אִמֵּנוּ הָיְתָה עֲקָרָה וְנִפְקְדָה. וְכֵן חַנָּה אֵשֶׁת אֶלְקָנָה הָיְתָה עֲקָרָה וְנִפְקְדָה. וכמו"כ מָצִינוּ בִּקְרִיעַת יַם סוּף שֶׁאָנוּ אוֹמְרִים שִׁירָה עַל נֵס גָּדוֹל כָּזֶה. וְאַחַ"כ מָצִינוּ שֶׁהֶעֱבִיר יְהוֹשֻׁעַ אֶת כָּל יִשְׂרָאֵל בְּתוֹךְ הַיַּרְדֵּן. וְכֵן רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר גַּבֵּי נְהַר גִּנַּאי.

אָמְנָם שֹׁרֶשׁ הַדָּבָר הוּא, כָּל זְמַן שֶׁלֹּא נִפְתַּח הַשַּׁעַר מִזֶּה הַדָּבָר כְּמוֹ פְּקִידַת עֲקָרוֹת וְכַדּוֹמֶה, אָז לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה שֶׁיִּפְתְּחוּ לוֹ הַשַּׁעַר הַזֶּה. אַךְ אַבְרָהָם אָבִינוּ, בְּגֹדֶל צִדְקָתוֹ וְאַהֲבָתוֹ לְהַשֵּׁי"ת לְאֵין שִׁעוּר וּגְבוּל, זָכָה לְהַנֵּס גָּדוֹל כָּזֶה, וּפָתַח לוֹ הַשֵּׁי"ת אֶת הַשַּׁעַר וְנִפְקְדָה אִשְׁתּוֹ. וְכֵיוָן שֶׁכְּבָר פָּעַל אַבְרָהָם פַּעַם א' פְּתִיחַת הַשַּׁעַר וְצִנּוֹר הַלָּזֶה, אָז בְּקַל יוּכְלוּ הַדּוֹרוֹת הַבָּאִים אַחֲרָיו לְעוֹרֵר עוֹד אוֹתוֹ נֵס לְעֵת שֶׁיִּצְטָרְכוּ לְהַכְּלָל אוֹ אֲפִלּוּ לְאִישׁ פְּרָטִי.

וּכְמוֹ כֵן בִּקְרִיעַת יַם סוּף שֶׁהוּא נֶגֶד הַטֶּבַע. רַק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה וְס' רִבּוֹא מִיִּשְׂרָאֵל פָּעֲלוּ דָּבָר זֶה. וְשׁוּב אַחַ"כ לָא מִקְרֵי זֶה נֵס גָּדוֹל מַה שֶּׁהֶעֱבִיר יְהוֹשֻׁעַ אֶת כָּל יִשְׂרָאֵל בְּתוֹךְ הַיַּרְדֵּן וְכֵן רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר.

נִמְצָא דכשהצדיק מִתְפַּלֵּל לְהַשֵּׁי"ת שֶׁיִּפְּלוּ שׂוֹנְאָיו והקב"ה שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּתוֹ וְעוֹשֶׂה נְקָמָה בָּהֶם. אָז לֹא דַּי זֹאת שֶׁהַפְּעֻלָּה הַזֹּאת מוֹעִיל בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה. רַק שֶׁהַנְּפִילָה שֶׁמַּפִּיל הַשֵּׁי"ת אֶת הַשּׂוֹנְאִים נַעֲשֶׂה כְּחֶרֶב לְדוֹרֵי דוֹרוֹת. וּבְכָל עֵת שֶׁיִּצְטָרֵךְ זֶה הַדָּבָר לִכְלַל יִשְׂרָאֵל אוֹ אֲפִלּוּ לְאֵיזֶה אִישׁ פְּרָטִי. אָז בְּנָקֵל לְעוֹרֵר נְפִילָה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁגַּם אָז בְּכָל דּוֹר וָדוֹר יַגִּיעַ לָהֶם נְפִילָה גְּדוֹלָה, וא"כ הַנְּפִילָה הָרִאשׁוֹנָה פּוֹעֵל שְׁתֵּי פְּעֻלּוֹת: בְּשָׁעָה זוֹ, וְאַחַ"כ לְדוֹרוֹת. וְזֶה שֶׁאָמַר דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם 'וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם'. ר"ל שֶׁיֵּשׁ לַחֶרֶב שְׁנֵי פִּיּוֹת. הַיְנוּ שֶׁהוֹרֶגֶת שְׁנֵי פְּעָמִים. וְזֶה שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'וְנָפְלוּ אוֹיְבֵיכֶם לִפְנֵיכֶם'. ר"ל אוֹתָהּ הַנְּפִילָה שֶׁיִּפְּלוּ הַשּׂוֹנְאִים יִהְיֶה אצליכם לַחֶרֶב. הַיְנוּ שֶׁבְּכָל עֵת שֶׁיֵּצַר לָכֶם מִשּׂוֹנְאֵיכֶם. אָז תְּעוֹרְרוּ הַנְּפִילָה הָרִאשׁוֹנָה וְתִהְיֶה נְפִילָה הָרִאשׁוֹנָה כְּחֶרֶב. וְיַהֲרֹג אוֹתָם וְכַנַּ"ל. וְכֵן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.

# נקודה למחשבה

## צולייגן אַביסעלע מחשבה צו די טרדות פון ערב פסח...

מתוך שיעור ה' פרשת תזריע - כ"ח אדר ב' תשפ"ב

### דער פּראָבלעם איז געווען 'אשר לא צוה אותם'

דער שפת אמת (פ' שמיני) ברענגט פון זיין זיידן דער **חידושי הרי"ם** זי"ע, וואס ער האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק וואָס שטייט ביי נדב ואביהוא "ויקריבו לפני ה' אש זרה אשר לא צוה אותם", אַז ביי אַ געווענליכע מצוה באַקומט דער מענטש אַ 'חיות' דורכדעם וואָס דער רבוש"ע האָט אים דאָס געהייסן טון. דער אויבערשטער האָט געזאָגט כ'זאָל דאָס מקיים זיין, און איך פאָלג אים, איך בין מקיים רצונו, בין איך יעצט זיין שליח. דאָס גיט אַ חיות פאַר'ן מענטש אַז ער זאָל נישט אויסגיין פון דער מצוה.

דער פּראָבלעם פון נדב ואביהוא איז געווען אַז ס'האָט זיי געפעלט דער ציווי ה'. זיי זענען נפטר געוואָרן פון דער וועלט ווייל ס'איז געווען "אשר לא צוה אותם"! די עצם פעולה וואָס זיי האָבן געטון איז געווען זייער הייליג, זיי האָבן מקטיר געווען קטורת וואָס איז אַ מורא'דיגע עבודה, **אָבער זיי האָבן זיך נישט געקענט מקשר זיין אין מח צו דער פנימיות פון דער זאַך, צו דעם רצון ה'.**

### דאָס חיות וואָס מ'קען באַקומען פון געדענקן די פנימיות המצוה

זיך מקשר זיין צו די פנימיות פון דער מצוה אויף אַ פּראַקטישן אופן באַדייט אַז דער איד האָט אינזין: "וואָס גיי איך יעצט טון?! איך גיי יעצט טון עפּעס, נישט ווייל איך וויל דאָס טון, נאר ווייל איך וויל זיין אן עבד נאמן לה' ולתורתו! דער אויבערשטער האָט מיך מצוה געווען, און דערפאַר גיי איך עס טון!". נדב ואביהוא זענען נסתלק געוואָרן פון דער וועלט, ווייל ס'האָט זיי געפעלט דער זאַך, וויבאַלד ס'איז געווען "אשר לא צוה אותם".

פּירט אויס דער שפת אמת: זעט מען פון דאָ אַז ווען אַ מענטש איז מקיים אַ מצוה וואָס דער אויבערשטער האָט מצוה געווען, **דעמאָלט קען ער דאָך באַקומען אַזאַ געוואַלדיגע חיות פון דער "אשר צוה אותם"!**

אויב מ'קען חלילה נפטר ווערן פון דער וועלט אויב ס'איז "אשר לא צוה אותם", **דעמאָלט קען מען דאָך זיכער באַקומען אַ נייע לעבן און ווערן אַזוי נאָנט צום רבוש"ע, ווען מען איז זיך מתבונן און מתעמק אין דעם חלק פון "אשר צוה אותם", אַז יעצט טו איך דעם רצון ה'!** פון דעם אַליין קען מען באַקומען די עיקר חיות, אויב מ'האָט אינזין די פנימיות פון דער מצוה!

### די עבודה פון הכנה דוקא צוזאַמען מיט די טעכנישע פעולות

לאָמיר אַצינד צוריקגיין צו דערביישפּיל פון טרחות בעפאָר אַ יום טוב. ס'איז אַ דבר פשוט ביותר אַז ווען אַ מענטש איז עוסק צו מקשר זיין די מחשבה צו דער פנימיות פון דעם יום טוב, ער לערנט ספרי מהר"ל אויף פסח, ער איז

זיך מתבונן אין די רעיונות פון דעם יום טוב, אָדער ער לערנט די הלכות פון פסח, ער לערנט פרק 'ערבי פסחים', וכדומה, ברענגט דאָס אים אַריין אין אַ מצב פון יום טוב.

אָבער צו דער זעלבער צייט **האָט אונז דער אויבערשטער געהייסן אַז מיר זאָלן עוסק זיין אין מצוות מעשיות אַלס הכנה בעפאָר שבת און אַלס הכנה בעפאָר יום טוב.** דאָ ליגט די נסיון וואו דער יצר הרע כאַפּט דעם מענטש, אַז מען זאָל נישט האַלטן קאָפּ - ווען מען טוט די אַלע טעכנישע זאַכן - מיט אַ מורא'דיגע עבודה און התמדה אַז: **"איך בין זיך יעצט מכין פאר יום טוב! איך בין יעצט מקיים אַ מצות עשה דאורייתא פון 'תשביתו'! איך טו יעצט גאָרנישט נאר דער רצון ה'!".**

## אַז עס פעלט די פנימיות ווערט מען חלילה אָנגעצויגן

אויב אַ מענטש טוט דאָס נישט, בלייבט ער נישט בלויז טרוקן ווי אַ האלץ, נאָר ער ווערט נאָך אָנגעצויגן און בכעס, ווי מ'זעט במציאות אַז אין די אָנגעשטרענגטע צייטן פאר אַ שבת אָדער פאר פסח קומען מענטשן לידי כעס. די **סיבה דערצו איז וויבאַלד ער איז אדוק אין די חיצוניות'דיגע חלק פון דער מצוה.** ער איז אָפּגעריסן יעצט פון דעם רבוש"ע!

ס'איז צום באַדויערן זייער מצוי אַז מענטשן האָבן אינזין ערב פסח, בשעת מען רייניגט אויף יום טוב, אַז מ'וויל יעצט סתם אַזוי מסדר זיין און שיין מאַכן די שטוב; מ'האָט אינזין אַז מ'דאַרף דאך בעצם איינמאָל אַ יאָר מאַכן סדר אַז די שטוב זאָל זיין אַ מקום וואָס פאַסט פאר 'בעלי בתים חשובים'... **אָבער דורכדעם פאַרלירט מען די גאַנצע נשמה פון דער מצוה.** דאָס איז מטריד דעם מענטש. ער ווערט אָנגעצויגן און נערוועז, ווייל ער האָט אָפּגעלאָזט דעם רבוש"ע בשעת ער האָט געטון די מצוה!

ס'איז אַן אינטערעסאַנטע סאָרט מציאות, אַז בשעת מען טוט די מצוה זאָל מען אָפּלאָזן דעם אויבערשטן, אָבער דאָס איז וואָס פאַסירט ליידער!

## טו די זעלבע זאַך אָבער לייג צו קאָפּ

דער מענטש איז פאַרנומען טראַכטן וועגן די קליידער וואָס ער האָט געקויפט אויף יום טוב, וויפיל ס'האָט געקאָסט, צי יענער האָט אים אָפּגענאַרט צי נישט. **דער מח איז אים אינגאַנצן הונדערט פראָצענט אַריינגעלייגט אין אַלע סאָרט זאַכן וואָס האָבן גאָרנישט צוטון מיט'ן אויבערשטן!** און אַלעס איז "לכבוד יום טוב"... אַסאַך מאָל פאָלגט ער טאַקע די הלכה פון שלחן ערוך, מ'דאַרף דאך עפ"י הלכה קויפן קליידער פאר די שטוב צו משמח זיין אויף יו"ט! דער מענטש איז נישט אַוועקגעגאַנגען פון די הלכה וואָס ער דאַרף טון! **אָבער די נשמה פעלט און ס'איז ממש אַ שאָד!**

מ'קען דאָך אַזוי שטאַרק הנאה האָבן פון אַ יום טוב! אַפילו פראַקטיש איז עס אַ פאַרלוסט, ווען מען נעמט זיך אַוועק דעם גאַנצן טעם פון דעם יום טוב, ווייל מ'טוט די אַלע פעולות אָן די פנימיות'דיגע מחשבה.

אַ איד דאַרף אַגאַנצן צייט האַלטן קאָפּ אַז **וואָס ער טוט - איז ער דערמיט עוסק צו מאַכן אַ 'הכנה' פאַר'ן הייליגן יום טוב!** דער איד טוט אַלעס וואָס זיין ווייב בעט אים צו טון; ער גייט, ער קומט, ער העלפט, ער ערלעדיגט אַלע סאָרט זאַכן, אָבער במשך די גאַנצע צייט אַרבעט ער אויף זיך צו געדענקן אַז: **ער גרייט זיך אַצינד צום יום טוב!** ער ווייסט אַז דאָס איז די רצון ה'!

## אַזויפיל דאורייתות בשעת'ן זיצן אין טראַפיק

פונקט ווי ס'איז דאָ אַ מושג אַז ווען אַ מענטש עסט אַ שרץ רח"ל, קען ער עובר זיין אויף פינף - זעקס לאוין אויף איינמאָל. איז דאָ אויך פאַרקערט, מדה טובה מרובה, ווען אַ מענטש טוט די פראַקטישע הכנות אויף יום טוב איז ער מקיים אַזויפיל מאָל גרויסע מצוות!

ווען דער מענטש זיצט יעצט אין דער שווערן טראַפיק פון באָראָ פאַרק כדי צו איינקויפן פאר יום טוב און העלפן זיין בני בית, **איז ער אַצינד, תוך כדי מעשה, מקיים אַזאַ 3-4 דאורייתות!** די ערשטע זאַך איז אַז ער איז מקבל יסורים באהבה, און וויפיל חסד ליגט דאָ?! וויפיל הכנה פאר אַ מצוה ליגט דאָ?! וויפיל מדה פון רחמנות ליגט דאָ?! **דער מענטש האָט דאָך אַ גאַנצע רשימה פון מצוות וואָס ער טוט דאָ**, אָבער היות ער איז נישט מקושר צו דעם פנימיות ווערט ער פאַריאָגט און אויפגערעגט.

בשעת מען איז פאַרפאָרעט מיט די טרדות בעפאָר יום טוב, דאַרף אַ איד אַלעמאָל געדענקן די צוויי זאַכן: **'וועלכע'** מצווה טו איך יעצט און **'פאַרוואָס'** טו איך די מצווה. אויב מען איז לוחם צו האַלטן קאָפּ אויף די צוויי מחשבות, דעמאָלט ווען עס קומט דער יום טוב, **וועט מען שפירן אַזאַ מורא'דיגע ווארימקייט און דערהויבנקייט**, דוקא אַדאַנק די הייליגע הכנה צום יום טוב!

## צדיקים האָבן אויך עוסק געווען מיט הכנות לשבת

די גמרא ברענגט (שבת קיט, א) אַז די הייליגע אמוראים האָבן עוסק געווען אין גשמיות'דיגע זאַכן צוצוגרייטן אויף שב"ק, זאַלצן די פיש, רייניגן דעם קאָפּ פון אַ בהמה, א.א.וו. **אודאי זענען זיי בשעת מעשה געווען דבוק מיט אַ מורא'דיגע דביקות צו דעם רבוש"ע.**

דאָס זעלבע איז געווען ביי די אַלע גרויסע צדיקים, וואָס מיר האָבן אַ זכות בלויז צו דערמאַנען זייער נאָמען, ווי דער הייליגער **רבי ר' אלימלך זי"ע** און אַנדערע צדיקים, וואָס זענען אַריינגעקומען אין דער קיך צו זאַלצן די פיש און אַנדערע הכנות אויף שבת, האָבן זיי בשעת מעשה אינזין געהאַט די פנימיות פון דער גרויסער עבודה פון הכנה לשב"ק.

## מ'דאַרף גאָרנישט טוישן, בלויז די מחשבה בשעת מעשה

ווען אַ איד טוט די אַלע טעכנישע הכנות און ער איז 'דערביי', **דעמאָלט קען אַזאַ הכנה אויפטון נאָך אַסאַך מער פון לערנען מהר"ל אויף פסח!** ווייל ער האָט אַצינד גענומען די ריכטיגע הייליגע מחשבות און ער האָט דאָס אַריינגעלייגט אין עשיה! דאָס וואַשט אויס דעם מענטש! **ער קומט אן ריינערהייט צו אַ מצוה!** ער פאַלט נישט אַריין אין דעם יום טוב!

אַזאַ איד האָט גאָרנישט משנה געווען אין זיין סדר היום, ער האָט ווייטער געטון אַלעס וואָס מ'דאַרף ערלעדיגן, **ער האָט בלויז משנה געווען זיין מחשבה!** ער פאַרשטייט אַז אויב מ'דאַרף פאַרמאַכן די גמרא כדי אַרויסצוהעלפן אויף יום טוב, דעמאָלט איז דאָס די עבודה! ער נעמט מיט די גמרא אין זיין מחשבה און אַזוי טוט ער די אַלע זאַכן. דאָס איז דאך אַזאַ סאָרט הייליגע עבודה!

מענטשן גרייטן אן די ליכט אויף שבת, מען העלפט איינדעקן דאָס עסן, מ'העלפט אין קיך, מ'לויפט אַרום אַהער און אַהין, און דערנאָך פאַלט מען אַריין אינעם שבת אָן קיין קאָפּ ווייל מ'איז געווען אַזוי טרוד. **וואָס פאַראַ ליכטיגער יום טוב קען אַ איד האָבן**, ווען ביי יעדע זאַך וואָס ער טוט אין די ערבי פסחים לייגט ער צו דאָס ביסל 'מצוות צריכות כוונה"!


# פטרון השבוע

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י ידידנו
הרוצה בעילום שמו
לברכה והצלחה בכל הענינים
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד להם
להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול הלשון
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

## ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

**בארא פארק**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont
ביהמ"ד דאמבראוואו
ביהמ"ד ויואל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

**קרית יואל**
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב